בס״ד

# עונג שבת

# פרשת מקץ תשע״ג

**גוט שבת אלע אידן.** עס זענען דא אסאך פשטים אויף דאס וואס מען רופט דעם יום טוב ״חנוכה.״ פשטות, קומט דאס ווארט חנוכה פון דעם לשון פון צוריקבויען און מאכן ניי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״מזמור שיר חנכת הבית...״ (תהילים ל,א) די יוונים האבן מטמא געווען דעם בית המקדש, ברענגענדיק א חזיר אויפ׳ן מזבח רח״ל. די חשמונאים האבן נאכדעם גערייניגט דעם בית המקדש, אזוי ווי מען זאגט אין ״על הנסים״: ״...וטהרו את מקדשך...״ פון דא זעט מען אז דער יום טוב ווערט אנגערופן ״חנוכה״ ווייל מען פרייט זיך אז די חשמונאים האבן מטהר געווען דעם בית המקדש.

עס ליגט אבער אין דאס ווארט ״חנוכה״ אפשר א טיפערער כוונה. דער אייבערשטער האט אונז באפוילן: ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ (שמות כה,ח) לכאורה האט די פסוק געדארפט שטייען ״בתוכה.״ זאגן די ספרים הקדושים, ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ מיינט אז מיר זאל אונז מאכן ראוי צו השראת השכינה, ווייל ״בתוכם״ באציט זיך אויף די בני ישראל.

וויבאלד חנוכה איז א זמן פון ״וטהרו את מקדשך...״ אן אזוי ווי מען האט יעצט געזאגט אז יעדער איד איז דער אייבערשטער׳ס מקדש, עס קומט אויס אז יעדער איד האט א געוואלדיגע געלעגענהייט חנוכה זיך צו מטהר זיין און תשובה צו טון. אפילו מיר האלטן יעצט אין די לעצטע שעות פון חנוכה, קענען מיר נאך אלץ יעצט מחזק זיין, בפרט אין ״זאת חנוכה״ וואס איז דעם נעילת החג פון חנוכה, ווען אלע השפעות פון דעם גאנצן חנוכה קומען אראפ. דורך ליינען די פאלגענדע מורא׳דיגע מעשה קענען מיר מעורר זיין זיך מטהר צו זיין און תשובה צו טון.

ר׳ ארי׳ סאפעטער ע״ה (זיין עכטע נאמען) איז געווען א חסידישער איד וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל. אבער, ר׳ ארי׳ האט נישט אייביג געוואוינט אין א״י, און ר׳ ארי׳ איז נישט אייביג געווען ערליך. נאר, ר׳ ארי׳ איז געווען א בעל תשובה פון דער ערשטער קלאס. יעצט לאמיר ליינען ווי ר׳ ארי׳ אליינס האט דערציילט זיין מעשה:

נאך די מלחמה, האב איך געוואוינט אין טשעקעסלאווקיי. און אויך בין איך געווען דעמאלט א גאנצע פרייער איד און איך האב גאר נישט געהאט צו טון מיט די אידן. איך האב אפילו נישט געוואוסט פון יום כיפור! איין טאג בין איך געווארן א שופט אין די גוי׳עשע טשעקאסלאוואקישע ׳קאורטס׳.

איין טאג האבן מיר געהאט אן אינטערעסאנט ״קעיס״. א איד איז באשולדיגט געווארן אין די רציחה פון א גוי. דאס איז געווען אינטערעסאנט ווייל ביז דערווייל האב איך קיינמאל נישט געהערט פון א אידישער רוצח. איך בין געווען איינער פון די דריי שופטים אין דעם משפט, די אנדערע שופטים זענען געווען גוים. בקיצור, דער איד האט געטענ׳עט אז ער האט גארנישט געטון. אבער, עס זענען געווען אסאך ״עדות״ קעגען דעם איד. א שכן פון דעם גע׳הרג׳עטן מענטש האט געזען ווי דער איד לויפט אוועק פון דעם הויז ווי מען האט שפעטער געטראפן דעם טויטן גוי... האט ר׳ ארי׳ דערציילט ווייטער.

נישט נאר דאס אבער דער פאליציי האבן געמאכט א גרויס חקירה און זיי האבן מגלה געווען אז דער איד איז געווען א שונא פון דעם גוי. אין מיינע אויגן איז אלעס געווען קלאר: דער איד האט גע׳הרג׳עט דעם גוי.

אפילו די עדות איז געווען אזא שטארק קעגען דעם איד, האט ער נאך אלץ געטענ׳עט אז ער האט עס נישט געטון. דער איד האט דערציילט צו אונז שופטים אז ער איז געגאנגען צו דעם גוי׳ס הויז און ער האט אים געטראפן טויט. ווען ער האט דערזען דעם טויטן גוי האט ער מורא געהאט און ער איז אנטלאפן פונעם פלאץ.

מיר דריי שופטים האבן דורכגעשמועסט אלע פרטים פון די קעיס. מיר האבן מחליט געווען אז דער איד איז געווען שולדיג אין די רציחה און מיר האבן אויסגערופן דעם פסק. לויט די געזעץ וועט דער איד דארפן ווערן געשאסן דעם נעקסטע טאג אינדערפרי.

איך בין אהיימגעגאנגען די נאכט נאך דעם משפט און איך האב נישט געהאט קיין חרטה אז דורך דעם וואס איך האב גע׳פסק׳ענט וועט דער איד געהארגעט ווערן דעם נעקסטע טאג. עס זענען געווען אסאך עדות, דער איד איז געווען שולדיג.

די נאכט בין איך געגאנגען שלאפן און האב איך גע׳חלומ׳ט גאר אן אינטערעסאנטן חלום. מיין טאטע וואס איז שוין נפטר געווארן אסאך יארן, איז געקומען צו מיר אין חלום. מיין טאטע האט מיך שטארק געבעטן אז איך זאל צוריקציען די טויט שטראף פונעם איד. מיין טאטע האט מיך אנגעווארענט אין חלום אז דער איד איז געווען ריין פון זינד – דער איד האט גארנישט געטון. איך האב מיך אויפגעוועקט און איך האב אנגעהויבן צו טראכטן וועגן דעם חלום. דער חלום איז געווען אזוי עכט, די שטימע פון מיין טאטען איז געווען פונקט ווי איך האב עס געדענקט פון יארן פריער. אבער, איך האט נישט געגלייבט אז א טויטער מענטש קען קומען אין חלום, אפילו דער חלום איז געווען אזוי עכט. אביסל שפעטער בין איך נאכאמאל איינגעשלאפן. און די אינטערעסאנטע זאך איז געווען אז מיין טאטע איז נאכאמאל געקומען צו מיר אין חלום, בעטענדיג שטארק אז איך זאל צוריקציען די טויט שטראף פון יענעם איד וואס האט געדארפט פאסירן דעם נעקסטע טאג אינדערפרי. נאך דעם צווייטן חלום בין איך אויפגעשטאנען. די צווייטע חלום איז אויך געווען גאר עכט. איך האב אנגעהויבן צו האבן ספקות. אפשר האט דער איד טאקע גארנישט געטון. איך האב מיך אנגעטון און איך בין געגאנגען צו דעם תפיסה ווי זיי האבן געדארפט הרג׳ענען דעם איד.

ביז איך בין אנגעקומען צו דעם תפיסה, איז עס געווען ליידער צו שפעט, ווייל זיי האבן שוין געשאסן דעם איד. אפילו איך האב געהאט דעמאלט ספקות צוליב די שרעקליכע חלומות, האב איך מיך מיישב געווען אז לכאורה איז דער איד געווען שולדיג און ער האט באקומען וואס עס קומט פאר א רוצח. איך האב מיך מיישב געווען אז די חלומות זענען נאר געווען שטותים און הבלים. באלד דערנאך, האב איך אינגאנצן פארגעסן פון דער מעשה.

א שטיק צייט שפעטער אבער בין איך געוואר געווארן א מוראדיגע זאך. די פאליציי האבן סוף כל סוף געכאפט א באקאנטער קרימינאל וועלכע האט טערוריזירן די שטאט פאר אסאך יארן. דער גרויסע פושע האט מודה געווען צו אסאך שלעכטע פשעים. אריין רעכנדיג אין די לאנגע רעכענונג פון זיינע פשעים איז געווען דער רציחה פון א מענטש וועלכע דער פושע האט בארויבט און גע׳הרג׳עט אין זיין הויז.

עס האט מיך אנגעכאפט א ציטער! דאס איז געווען דער עכטער רוצח פון יענעם גוי! דער איד האט טאקע גארנישט געטון! איך האב גע׳הרג׳עט א איד!... יעצט האט ר׳ ארי׳ געווישט די טרערן פון זיין נאסע אויגן. ״פון דעמאלט האב איך אנגעהויבן צו מאכן א חשבון הנפש. מיין טאטע איז געקומען צו מיר אין חלום וויסענדיג וואס איז געווען דער אמת מיט יענעם אידן! באלד דערנאך בין איך געקומען וואוינען אין א״י און איך בין געווארן א בעל תשובה. איך האף נאר אז דער אייבערשטער האט מיך מוחל געווען!״ האט ר׳ ארי׳ געענדיגט צו דערציילן.

ר׳ ארי׳ איז געווארן א בעל תשובה גמור און אפילו א תלמיד חכם. ער האט אויסגעלעבט זיינע לעצטע יארן אין א״י. ער האט געלעבט אין דער בית אבות אין שיכון וויזניץ און ער איז נפטר געווארן בשבה טובה ביי די הונדערט און פיר יאר!

פון דער מעשה קענען מיר זיך מחזק זיין. ווייל אויב א רוצח קען תשובה טון, איז כל שכן וכל שכן קענען מיר אלע תשובה טון. לאמיר אויסניצען די לעצטע שעות פון חנוכה צו רייניגען דעם נשמה, כדי מיר זאלן קענען זוכה זיין צו א ״חנוכה״ בפרטיות, ד״ה כדי צו זיין ראוי נאכאמאל צו השראת שכינה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז באפוילן: ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״. **גוט שבת אלע אידן.**